**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון מער פון 1,100 געמיינזאמע אנטי טעראר איבונגען אריבער ניו יארק סטעיט אין 2023

***אנטי טעראר מאנשאפטן האבן דורכגעפירט איבונגען ביי פארשידענע סארטן ביזנעסער, קריטישע אינפראסטראקטור פלעצער און באן סטאנציעס***

***סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס האט דורכגעפירט איבער 6,300 איבונגען איבערן סטעיט זינט 2016***

***בירגער ווערן ערמוטיגט צו זיין וואכזאם איבער זייער ארום און ארום דורכאויס דעם האלידעי סעזאן***

***באריכט פארדעכטיגטע אקטיוויטעט צו געזעץ אינפארסירונג איוף 1-866-SAFE-NYS (1-866-723-3697)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אפיס פון קאנטער-טעראריזם (Office of Counter Terrorism) האט דורכגעפירט טרענירונג איבונגען ביי מער פון 1,100 פלעצער אריבער די סטעיט אין 2023. קאנטער-טעראר עקספערטן פון 80 פעדעראלע, סטעיט, לאקאלע און שבטים'דיגע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן האבן דורכגעפירט איבונגען וועלכע האבן אפגעשאצט די מעגליכקייט פון ביזנעסער צו אויפכאפן און באריכטן פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן אין כמעט יעדע קאונטי אין די סטעיט. מער פון 6,300 איבונגען זענען דורכגעפירט געווארן איבער ניו יארק זינט 2016. געזעץ אינפארסירונג מאנשאפטן און אפיס פון קאנטער-טעראריזם שטאב מיטגלידער האבן אויך דורכגעפירט כמעט 89 NY-SECURE באן טראנספארטאציע קאנטער טעראר מיסיעס אין 2023 צו דערמאנען רייזנדע איבער די וויכטיגקייט פון 'אויב איר זעהט עפעס, זאגט עפעס' (See Something, Say Something).

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און די איבונגען העלפן אויפקלערן ארבייטער ביי ביזנעסער און די פובליקום אריבער די סטעיט וויאזוי צו באמערקן פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן און דאס באריכטן פאר געזעץ אינפארסירונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך באדאנק געזעץ אינפארסירונג און די היימלאנד זיכערהייט איינגעשטעלטע פאר זייער אנגייענדע שטיצע פון די וויכטיגע פראגראמען וואס היטן אויף די פובליקום."

געזעץ אינפארסירונג מאנשאפטן אריבער די סטעיט האבן דורכגעפירט איבונגען אריינמישנדיג איבער 400 געזעץ אינפארסירונג איינגעשטעלטע אין יעדע פון די סטעיט'ס 16 קאנטער-טעראר זאנעס. אלס טייל פון דעם פראצעדור, האבן די מאנשאפטן אפגעשאצט באריכטונג און אויפכאפונג פון פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן ביי 860 ריטעיל געשעפטן און ביזנעסער וואס פארקויפן כעמיקאלן, מאטעריאלן,

באשטאנדטיילן, סערוויסעס אדער דינגען ארויס שטח אדער מיטלען וואס קענען אויסגענוצט ווערן מיט אזעלכע וואס האבן בייזוויליגע כוונות. אין צוגאב, האבן מאנשאפטן אפגעשאצט מער פון 200 אינפראסטרוקטור לאקאציעס אריבער די סטעיט. די לאקאציעס האבן אריינגערעכנט פלעצער ווי סטאדיומס און זאלן, מאָלס און שאַפּינג צענטערן, קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, לופטפעלדער, טראנספארטאציע צענטערן און אנדערע לאקאציעס וואו עס זענען דא מאסן פארזאמלטע. אומגעפער 40 פראצענט פון די לאקאציעס וואס זענען אונטערגעזוכט געווארן אין 2023 זענען געווען ניי און זענען נישט אונטערזוכט געווארן אין פאריגע יארן. די שותפות צווישן סטעיט קאנטער טעראר אנאליסטן און געזעץ אינפארסירונג האט געהאלפן אידענטיפיצירן די נייע לאקאציעס צו אונטערזוכן.

מיטארבעט מיט די פארמישטע קערפערשאפטן האט פארשטערקערט די וואכזאמקייט פון די פובליקום און באריכטונג פון פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן. זינט די סטעיט-קאארדינירטע אונטערנעמונג האט זיך אנגעהויבן אין 2016, האבן באריכטן איבער פארדעכטיגטע אקטיוויטעט צו די NYS טעראריזם טיפּס ליניע דורכאויס די איבונגען ארויף מיט 30 פראצענט, ווייזנדיג אז די מיטארבעט און טרענירונג זענען אפעקטיוו.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "די רייע פון דראאונגען וואס ניו יארק שטייט אויס זעצט פאר צו ווערן מער פארשידנארטיג, און דער פראגראם העלפט זיכער מאכן אז ביזנעס אייגנטימער און זייערע ארבייטער ווייסן וויאזוי צו אויפכאפן פארדעכטיגטע אקטיוויטעט ווען זיי זעהען דאס און דאס צו באריכטן, העלפנדיג האלטן אלע ניו יארקער זיכער. די איבונגען וואס רעכענען אריין קאנטער טעראר מיסיעס לענגאויס די באן רעלסן בלייבן א וויכטיגע טייל פון די סטעיט'ס פובליק זיכערהייט ארבעט. איך דערמאן אלע ניו יארקער, אויב איר זעהט עפעס, זאגט עפעס פאר געזעץ אינפארסירונג אויף א באלדיגן פארנעם."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופּעראינטענדענט, קעווין פּ. ברוּען, האט געזאגט,** "אויפקלערן ביזנעסער און די פובליק איבער וויאזוי צו אויפכאפן פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן און אלארמירן געזעץ אינפארסירונג איז א קריטישע טייל פונעם באשיצן אונזערע קאמיוניטיס פון די דראאונג פון טעראר. פלאנירונג, קאארדינאציע און טרענירונג זענען אלע נויטיג צו זיכער מאכן אז לאקאלע און סטעיט ערשטע הילף מאנשאפטן זענען גרייט צו ארבעטן צוזאמען צו ארויסהעלפן אין יעדע סארט עמערדזשענסי צושטאנד. די איבונגען זענען וועזנטליך צו אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן און האלטן ניו יארקער זיכער."

**אפעראציע NY-SECURE**

די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס האט זיך אויך משתתף געווען מיט פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע ביוראס אין "אפעראציע NY-SECURE" אנצופירן אנטיטעראריזם און שייכות'דיגע אפרוף איינצלהייטן לאנגאויס אמטראק וועגן און MTA ביישטאטישע ליניעס. די איינצלהייטן העלפן פארבעסערן קאארדינאציע און אפרוף צווישן די באן פאליציי ביוראס פאראנטווארטליך צו עמערדזשענסיס אין יענע לאקאציעס. די קענטיגע, נישט מפורסמ'דיגע איינצלהייטן זענען כולל מער פלאטפארם פאטראלן, פארמערטע פארזיכערונג פאראנענקייט אויף די באנען, אויפרייס דערכאפ הינט איבערקוק און קעגן-אויסשפיר מיטלען.  אין 2023, האט אפעראציע NY-SECURE פארענדיגט 89 איינצלהייטן איבער דער סטעיט. שטאבן האבן אויסגעפירט 77 איינצעלע סטאציע איינצלהייטן איבער דער סטעיט, און 12 מולטי-סטאציע איינצלהייטן אין אמטראק און MTA סטאציעס לענג-אויס די עמפּייער ליניע. זינט די פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין 2018, האבן געזעץ-היטעריי שטאבן אויסגעפירט 447 איינצלהייטן איבער דער סטעיט. די איינצלהייטן וועל ווייטער אנגיין אין 2024.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן-, באשיצן פון-, זיך גרייטן פאר-, רעאגירן צו-, זיך ערהוילן פון- און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, טרעפט די DHSES אויף Facebook, אויף Twitter אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן